**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/11/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול מוטיגט ׳קאן עד׳ איבערצוקוקן בילינג פירונגערן און אנאנסירט שריטן ווייטער צו אדרעסירן שטייגנדע ענערגיע פרייזן**

***גאווערנער הייבט שריטן צוזשטעלן פארלייכטערונג פאר ניו יארקער, מוטיגן לאָו-אינקאָם איינוואוינער זיך צו ווענדן פאר מיליאנען דאלארען אין הילף***

***סטעיט שיקט [בריוו]() וועלכע מוטיגט ׳קאן עד׳ איבערצוקוקן בילינג פירונגען***

גאווערנער קעטי האוקול האט געמוטיגט ׳קאן עדיסאן׳ איבערצוקוקן זייערע בילינג צוגאנגען און בעסער קאמוניקירן מיט ניו יארקער נאכדעם וואס דער לעצטערער אויפשטייג אין ענערגיע קאסטן אין ניו יארק האט איבערראשט פילע שוין פון פריער אנגעשטרענגטע ניו יארקער, דורך א בריוו פון פובליק סערוויס קאמיסיע (PSC), און אויך אנאנסירט מער פארלייכטערונג שריטן פאר לאָו-אינקאָם ניו יארקער אנטהאלט מיליאנען דאלארען אין הילף.

״דער עקסטרעמער אויפשטייג אין יוטיליטי בילס וואס מיר זעען לענגאויס דעם סטעיט קומט אין א צייט ווען ניו יארקער זענען שוין פון פריער פינאנציעל אנגעשטרענגט נאך דער קאָוויד-19 פאנדעמיע,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״טראצדעם וואס דער אויפשטייג אין עלעקטריציטעט, נאטורליכע גאז און ברענשטאף פרייזן איז געווען פאראויסגעזעען און זענען פאראורזאכט דורך שווערע ווינטערדיגע וועטער, דארך רוף איך אויף ׳קאן עד׳ איבערצוקוקן זייערע בילינג פירונגען וויבאלד מיר מוזן נעמען פאראייניגטע שריטן צוזשטעלן פארלייכטערונג פאר ניו יארקער, איבערהויפט אונזער מערסט אויסגעשטעלטע איינוואוינער.״

דעם ווינטער זענען די פרייזן פון נאטורליכע גאז, וועלכע עס ווערט גענוצט צו הייצן היימען און שאפן עלעקטריציטעט, שארף געשטיגן און רעזולטירט אין א באדייטנדע אויפשטייג — צומאל איבער טאפלט — דער סופליי שטאנדטייל פון קאסטומער עלעקטריציטעט און / אדער נאטורליכע גאז בילס אין פארגלייך צו פריערדיגע חדשים. די העכערונגען אין בילס ווערן געטריבן דורך א גלאבאלער אויפשטייג אין נאטורליכע גאז קאמאדיטי פרייזן צוליב העכערע אינלאנדישע באניץ צוליב קעלטערע וועטער ווי געווענטליך, געשטיגענע עקאנאמישע אקטיוויטעט און געשטיגענע אינטערנאציאנאלע פארלאנג פאר נאטורליכע גאז.

**הייצונג יוטיליטי הילף**
ביי איר אקטאבער 7, 2021 סעסיע, האט דער פובליק סערוויס קאמיסיע (PSC) דורכגערעדט די פאראויסגעזעענע סופליי פרייזן העכערונגען און טריט וואס די יוטיליטי פירמעס נעמען אויף צו אינפארמירן קאסטומערס. אויף צו אדרעסירן דעם אויפשטייג אין סופליי פרייזן, האט גאווערנער האוקול אויפגעשטעלט אן אונטערנעמונג [איבער׳ן גאנצן סטעיט]() אויף צו באקאנט מאכן איבער די פארשידענע סטעיט פראגראמען וועלכע זענען פאראן פאר אנגעשטרענגטע ניו יארקער אויף צו באצאלן הייצונג און

יוטיליטי אויסגאבן כדי צו פארמיידן פאטענציאלע סערוויס שטערונגען דורכאויס די בעפארשטייענדע קאלטע וועטער חדשים. די פראגראמען אנאנסירט דורך דער גאווערנער רעכענען אריין:

- איבער 373 מיליאן דאלער אין היים הייצונג הילף איז יעצט פאראן צו באקומען דורך דעם היים ענערגיע הילף פראגראם (HEAP) פאר נידעריגע און מיטעלע איינקונפט ניו יארקער וועלכע דארפן הילף צו האלטן ווארעם זייערע היימען דורכאויס דעם ווינטער סעזאן. ביז אהער, זענען 1.4 מיליאן רעגלמעסיגע HEAP בענעפיטן ערהאלטן דורך בארעכטיגט הויזגעזינדער, אין סך הכל פון 208 מיליאן דאלער.
- נאך פעדעראלע געלטער זענען צו באקומען אויף צו העלפן נידעריגע-איינקונפט הויזגעזינדער באצאלן הינטערשטעליגע הייצונג יוטיליטי חובות. ביז אהער זענען ארויסגעגעבן געווארן 104,000 רעגלמעסיגע הינטערשטעליגע חובות צוגאב בענעפיטן, און 166 מיליאן דאלער אין הינטערשטעליגע חובות אפגעצאלט געווארן פאר בארעכטיגטע הויזגעזינדער.
- 90 מיליאן דאלער אין פעדעראלע געלטער דורך עמערדזשענסי HEAP איז געווארן צוגעשטעלט צו העלפן ניו יארקער מיט נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפט אויסצומיידן דאס אפשטעלן אדער אויסניצן זייערע הייצונג קוועלער אין א צייט פון ברענשטאף פרייז הערכרונגען. ביז אהער דעם ווינטער זענען באלד 20,000 מיליאן עמערדזשענסי HEAP בענעפיטן ערהאלטן דורך בארעכטיגט הויזגעזינדער, אין סך הכל פון 17.8 מיליאן דאלער.
- א הערכרונג אין דעם בודזשעט פאר דעם גאנץ-סטעיט׳יגע ענערגיע צוגענגליכקייט פאליסי (EAP) פראגראם דורך דער PSC אין 2021 פון 237.6 מיליאן דאלער צו 366.7 מיליאן דאלער און פארברייטערטע בארעכטיגקייט, וועלכע עס האט רעזולטירט אין בערך 95,000 מער נידעריגע-איינקונפט קאסטומערס וועלכע וועלן קענען באקומען בענעפיטן. זינט סעפטעמבער 2021, זענען אומגעפער 153 מיליאן דאלער אין ביל הנחות אויסגעטיילט געווארן פאר בארעכטיגטע קאסטומערס.

**PSC פארזיצער ראַרי עם. קריסטיען האט געזאגט,** ״מיר פארשטייען אז אויפשטייגן אין ווינטער עלעקטרישע און גאז בילס ברענגען פינאנציעל שוועריגקייט. טראצדעם וואס דער PSC און די יוטיליטי פירמעס קענען נישט קאנטראלירן סופליי פרייזן, קענען אבער יוטיליטי פירמעס פארבעסערן זייערע פארשאפונג און בילינג פירונגען צו רעדוצירן די אויסזיכטן פון דראמאטיש געשטיגענע פרייזן אין דעם צוקונפט און מיר פאדערן פון ׳קאן עדיסאן׳ דאס צו אדרעסירן פון היינט און ווייטער.״

**בילינג פירונג צופאסונגען**

נישט די יוטיליטי פירמעס און נישט די פובליק סערוויס קאמיסיע קאנטראלירן די פרייזן פון דעם סופליי שטאנדטייל פון ענערגיע בילס. פונדעסטוועגן, אויף צו בעסער באהיטן קונים פון פלוצימדיגע קאמאדיטי פרייז אויפשטייגונגען ניצן יוטיליטי פירמעס פארשידענע ערליי מיטלען פון קויפן און באווארעניש, אריינגערעכנט קורץ-טערמיניגע און לאנג-טערמיניגע קאנטראקטן. טראצדעם וואס אלע יוטיליטי פירמעס ניצן באווארעניש מיטלען אלס א סטראטעגיע, טוט אבער יעדע יוטיליטי פירמע אנדערש אנווענדן די ווערד פון די באווארעניש מיטלען צו קאסטומער יוטיליטי בילס. אין פאל פון ׳קאן עדיסאן׳ זענען זייערע בילינג פירונגען פאר קאסטומערס געווען א ביישטייערנדע פאקטאר צו דעם באדייטנדן אויפשטייג אין סופליי ראטעס און, סוף כל סוף, אויף קאסטומער בילס.

היינט האט דער PSC ארויסגעשיקט א בריוו צו ׳קאן עדיסאן׳ צו פאדערן א דייטליכע איבערזיכט אויף דער יוטיליטי פירמע׳ס בילינג פירונגען אריינגערעכנט א פארזיכערונג אז די פולע ווערד פון די באווארעניש מיטלען וואס דער יוטיליטי פירמע האט זיך פארשאפט אין יאנואר ווערט אריבערגעפירט צו קאסטומערס אין דעם קומענדיגן בילינג אפשניט, בעסערע קאסטומער קאמוניקאציעס און אן אפשאצונג

אויף אלטערנאטיוון צו זייערע איצטיגע בילינג פירונגען מיט רעקאמענדאציעס צוליב DPS שטאב ביז פעברואר 28, 2022.

**רעדוצירטע אנגעוויזנקייט אויף פאסיל-ברענשטאף**
אזוי ווי ניו יארק ציעט זיך צו א גרינערע און ריינערע עקאנאמיע, מאכט גאווערנער האוקול באדייטנדע אינוועסטירונגען צו דיווערסיפיצירן עלעקטריציטעט קוועלער, הויפטזעכליך דורך באנייבארע ענערגיע, צו פארקלענערן דעם סטעיט׳ס אנגעוויזנקייט אויף פאסיל-ברענשטאף און סטאבילליזירן ענערגיע קאסטן. אנערקענענדיג די ריזיגקייט פון דעם קלימאט קריזיס, האט גאווערנער האוקול אנאנסירט אן אמביציעזן באנייבארע ענערגיע און דזשאבס אגענדע אין איר 2022 סטעיט אָוו דע סטעיט רעדע און עקזעקיוטיוו בודזשעט פארשלאג. די אגענדע אנטהאלט דער קומענדיגער אָף-שאָר ווינט אנטוויקלונג פארבעטונג; א 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג פאר אָף-שאָר ווינט פּאָרט אינפראסטרוקטור און סופליי-טשעין; דערגרייכן 2 מיליאן קלימאט-גינציגע, עלעקטריזירטע אדער עלעקטריזירונג-גרייטע וואוינונגען ביז 2030; צעביסלעכווייז ארויסנעמען פון דינסט ניו יארק׳ס מערסט אומריינע און פארפּעסטנדע ענערגיע פאבריקן; אויפלעבן דעם מארקעט פאר נייע ריינע ענערגיע טעכנאלאגיעס ווי גרינע הײדראָדזשען; און פארזיכערן הויכע-קוואליטעט גרינע דזשאב שאפונג.

**איינקויפער באלערנונג און באוואוסטזיניגקייט**
דער PSC און דער דעפארטמענט פון פובליק סערוויס טוען פראאקטיוו מודיע זיין די פראוויסגעזעענע אויפשטייגן אין סופליי פרייזן און דער איינפלוס אויף די ווינטער בילס פון קאסטומערס. אין יאנואר 2022, האט דער דעפארטמענט פון פובליק סערוויס זיך פאראייניגט מיט אנדערע סטעיט אגענטור און געהאלטן א סעריע ווירטועלע ווארקשאַפּס לענגאויס דעם סטעיט פאר קאמיוניטי פירער און ערוויילטע באאמטע. די וואוּרקשאָפּס האבן פאקוסירט אויף: פינאנציעלע הילף פראגראמען, ווי למשל היים ענערגיע און נידעריגע-איינקונפט הויזגעזינד וואסער הילף פראגראמען; יוטיליטי ענערגיע צוגענגליכקייט פראגראמען; וועטער באשיצונג און אנדערע שריטן וואס קאנסומערס קענען נעמען אויף צו זיין ענערגיע-שפּאָרעוודיג; היים און קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס און שטיצע פאר עלטערע מענטשן און זייערע אויפפאסער; און וויאזוי צו דירעקטירן קאנסומערס צו די ווינטער רעסאָרסן.

אין צוגאב, זינט דער אנהייב פון ווינטער, טוען די יוטיליטי פירמעס פראאקטיוו קאמוניקירן אז קאסטומערס בילס וועלן זיין העכער דעם ווינטער צוליב געשטיגענע סופליי פרייזן. אזעלכע ארויסגרייך און בילדונג האבן אריינגענומען פרעסע אויסגאבעס, נייעס-בלעטלעך, יוטיליטי פירמע קאָל צענטער פארשטייער טרענירונג, יו-טוּב ווידעאוס און סאָושעל מידיע מודעות.

דער PSC איז אנטשלאסן זיכער צו מאכן אז קאסטומערס זענען באוואוסטזיניג איבער די פראגראמען אויף צו באקומען די הילף און אינפארמאציע אין וואס זיי נויטיגן זיך אויף צו עפעקטיוו פארוואלטן זייערע ענערגיע בילס. פאר מער אינפארמאציע אויף ווינטער גרייטקייט אונטערנעמונגען און די הילף פראגראמען, ביטע גייט צו www.dps.ny.gov/winter.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן